ספר

# דרכי חיים

## חלק ג׳ מספר מצות סת״ם השלם

## דיניו ומנהגיו

## התוכן

## לספר דרכי חיים

**סימן .................................................. עמוד**

א. וויכטיגע כללים — פאר אלע מצות .................. עז

ב. מצוה מיט כוונה........................................ עח

ג. פארשידענע ביישפילען .................................. עט

✡ ✡ ✡

## קונטרס

# דרכי חיים

## סימן א

### וויכטיגע כללים – פאר אלע מצות

א) שטייט אין זוה"ק תרומה (דף קצ"ח) אַז יעדע מצוה וואָס אַ מענטש טיט דאַרף ער באַצאָלען געלט דערפאַר (חרדים בהקדמה).

ב) און אפילו מצות וואָס די חכמים האָבען אונז געגעבען, מיט זייערע אזהרות, דאַרף מען קויפען פאַר געלט (אגד"פ שי"ג).

ג) אויב מען האָט די מעגליכקייט צי קויפען די מצוה פאַר געלט, און מען טיט דאָס בחנם, דאָרכדעם וואָס ער באַקימט אַ מתנה באַקימט ער נישט קיין שכר אויף דעם (יוסף אברהם בשם זוה"ק, חרדים, שד"ח מע' מ' כלל קצ"ח), דערפאַר דאַרף מען זען אַליינס צי באַצאָלען פאַרען אתרוג, מצות, און ווער עס עסט אין יענעמס סוכה אפילו אַ איידעם ביים שווער זאָל זיך משתתף זיין מיט געלט צי די סוכה הוצאות, און מצות, וויין פין קידוש, ארבע כוסות, א. ד. ג. מיט אַלע אַנדערע מצות, ווייל לויט די מקובלים (זוה"ק און אריז"ל) אַ מצוה אָהנע באַצאָלונג האָט כמעט נישט קיין ווערט.

ד) לויטען זוה"ק איידער מען באַצאָלט פאַר די מצוה זאָל מען אָנגרייטען דאָס געלט און זאָגען „איך גרייט דאָס צי פאַר יענע מצוה" אַזוי קימט אַ קדושה אויפען געלט (אגד"פ קצ"ט).

ה) טייל זאָגען מען זאָל נישט אַ ברכה מאַכען אויף אַ מצוה וואָס מען האָט נישט באַצאָלט דערפאַר (מל"ח בשם נהג כצאן יוסף).

מיר פסק'נן נישט אַזוי (שד"ח שם), אָבער מען דאַרף אַריינטראַכטען אין אַרויסלערנען פין דאָרטען די האַרבקייט פין טוהן אַ מצוה אָהן געלט, אויב מען האָט די קלענסטע ברירה אפילו, צי צאָלען געלט.

ו) די מקובלים שרייבען אַז עס איז פאַסיג פאַרען מענטש זאָל אַהין געבן תיכף וויפיל געלט מען בעט פין אים פאַר די מצוה, און ער זאָל זיך נישט

שטעלען דינגען אויפען פרייז אַזוי ווי די סוחרים, כ"ש ער זאָל נישט זאָגען „פאַר אַזויפיל געלט האַלט איך נישט ביים קויפען דעם אתרוג" אויב יאָ הייסט דאָס מבזה געווען די מצות פין רבש"ע (שד"ח שם), און אַזוי האָט זיך געפירט דער אַריז"ל און טייל מאָל פלעגט ער אַראָפּלייגן אַ פעקל געלט פאַרען סוחר און זאָגען נעם דיר וויפיל די ווילסט נאָר געב מיר די מצוה (שד"ח שם, שה"מ פ' עקב, כה"ח תנ"ד מ', ש"מ י' י"ב).

ז) דאָס איז געמאַכט פאַר יחידי סגולה, אָבער דער סתם המון מעג האַנדלען פאַר אַ פרייז, נאָר נישט זאָגען, פאַר דעם פרייז דאַרף איך נישט די מצוה (כה"ח, וש"מ שם).

ח) אַ מצוה וואָס מען טיט בשותפות נעמט יעדער שכר ווי ער וואָלט געטוהן די גאַנצע, פין דעם נעמט זיך דער מנהג פין חברה ש"ס, וואָס יעדער נעמט איין מסכת אין מען מאַכט איינמאָל אַ יאָר אַ סיום אויף ש"ס, און דאָס ווערט פאַרעכנט פאַר יעדן ווי ער וואָלט דאָרכגעלערנט גאַנץ ש"ס, דאָס גלייכען איז ביי אַ ס"ת וואָס מערערע שרייבען בשותפות (שו"ת נחלה לישראל סי' י', משמרת שלום ה' ת"ת, ט"ז, שד"ח שם).

ט) דער כבוד פין מצוה איז אַכטונג צי געבן נישט צי טראַכטען פלענער וויאַזוי צוציגרייטען די מצוה, אין בית הכסא, צ. ב. ש. אויספּלאַנירען די סוכה, אויספּלאַנירען דאָס מאָלען ווייץ און באַקען מצות, א. ד. ג. (הלק"ט ח"ב כ"ז, אור צדיקים סי' א' או' י"א, בית השואבה, שד"ח שם).

## סימן ב

### מצוה מיט כוונה

א) איידער מען טיט אַ מצוה דאַרף מען אינזינען האָבען אַז מען וויל יעצט מקיים זיין די מצוה אַזוי ווי דער באַשעפער האָט באַפוילען (או"ח סי' ד', מ"א תקפ"ט), דער חיוב איז מן התורה (רשב"ם פסחים קי"ד, שמש צדקה או"ח כ"ט, בי"ד יור"ד קס"ח דפ"ק בהק', פמ"ג שם, מ"ב), אפילו ביי אַ מצוה דרבנן דאַרף מען אויך לכתחילה (שם), לויט טייל פוסקים איז מען נישט יוצא אפילו בדיעבד אויך נישט (גר"א תפ"ט, ועי' בה"ל סי' ס'), טייל זאָגען אויב מען האָט נישט אינזינען געהאַט פאַר הלל יוצא צי זיין די מצוה דאַרף מען איבערזאָגען הלל אָהנע ברכה (פמ"ג בפ' ח"ג, ד', א"א ח', סק"ט, לח"מ ה' מגילה פ"ב, דפ"ק

בהקדמה), און מען דאַרף דאָס אַרויסצוזאָגען מיטען מויל (תשובה בס׳ שער התפלה, מנ״ח מצ׳ י׳, ברכ״י ל״ב ג׳, עמק יהושע האחרון).

ב) אין ס׳ כד הקמח (לרבינו בחיי) שטייט פאַר מען לייענט קר״ש דאַרף מען אינזינען האָבען דריי כוונות, 1) די מצוה פין לערנען תורה, 2) יוצא צו זיין קר״ש, 3) יוצא צו זיין די מצוה פין כוונה, ווייל מיר האָבען אויבענדערמאָנט (אות א׳) אַז לויט אַסאַך פוסקים איז די מצוה פין כוונה אַ חיוב מה״ת.

ג) דער סך הכל קימט אויס אַז יעדע מצוה סיי תורה, סיי מדרבנן דאַרף מען לכתחילה אינזינען האָבען יוצא צו זיין די מצוה, ביי אַ מצוה דרבנן דאַרף מען אינזינען האָבען יוצא צו זיין די מצות ועשית ע״פ הדבר, און ולא תסור מן הדבר (שבת פ׳ ב״מ, רמב״ם בסה״מ, דפ״ק בהק׳ יסוש״ה, אזהרות יש״מ).

ד) אויסער די כוונה פין מצוה, דאַרף מען אינזינען האָבען מקיים זיין די מצוה פין כונה (רבינו בחיי בכד הקמח), אויב מען האָט נישט אינזינען געהאַט האָט מען ביי אַ מצוה מה״ת נישט יוצא געווען, ביי אַ מצוה דרבנן וואָס מען איז מקיים מיטען רעדן איז מען אויך נישט יוצא אָן כוונה.

פינדעסטוועגן איז פאַרהאַנען פאַרשידענע חילוקי דינים ביי דעם זאָל מען פרעגן אַ שאלה אויף בדיעבד, אָבער לכתחילה האַלט יעדער איינער אַז מען דאַרף אינזינען האָבען יוצא צו זיין, אין מען דאַרף דאָס אַרויסזאָגען מיטען מויל (ווי אויבענדערמאָנט) דאָרט ווי מען טאָר נישט אויסרעדן האָט מען אינזינען (ס׳ אבני שהם).

## פאַרשידענע ביישפילען

ה) מיר ווען ציטירען פין די פוסקים עטליכע ביישפילען, דאָס זעלבע דאַרף מען טאָן אויך ביי אַלע אַנדערע מצות.

א) פאַר קר״ש דאַרף מען אינזינען האָבען (הר״י רפ״ק דברכות, דח״מ על הרא״ש, ש״ע סי׳ ס׳), זעה אות י״א.

ב) פאַר פ׳ ציצית דאַרף מען אינזינען האָבען יוצא זיין זכירות יצ״מ (באה״ט סי׳ ס׳, צה״ח).

ג) פאַר ברכה״ת צוויי כוונות ברכה״ת און תלמוד תורה (שמ״י).

ד) פאַר וידוי נאָך שמו״ע וואָס איז אויך אַ מ״ע (רמב״ם ה׳ תשובה ס״ח, בנ״י לחודש תשרי, שמ״י).

ה) פאַרען בענטשען (מ״א פמ״ג סי׳ ר״ט סק׳ג).

ו) פאַר תקיעת שופר (תקפ"ט ר"י ומ"א בסופו).
ז) פאַר מצות סוכה (תרכ"ה ע"ש).
ח) פאַר נטילת ידים צום עסען (שלחה"ט, עמק יהושע).
ט) פאַר ציצית, תפלין, (סי' ח', כ"ה).

ו) אַזוי איז דאָ פאַרוואָרפען אין די ספרים אויף יעדע קליינִיגקייט כוונה אינזינען צי האָבען צ. ב. ש. אין הנהגות טובות פין יש"מ (כ"ג) ווען ער גייט ציגעדעקט דעם קאָפּ זאָל ער אינזינען האָבען מקיים זיין די מצוה צי גיין ציגעדעקט, און די מצוה נישט צי גיין אויפגעהויבען דעם קאָפּ פיר איילען.

ז) איך דערמאָן זיך עס איז אַמאָל פאָרגעקימען איך בין געווען ביי אַ סעודה מיט הגה"ק מסקולעני שליט"א, איז אויסגעקימען אַז איך האָב אים געבראַכט עפּעס אַ חפץ, האָט ער תיכף געפרעגט אויב איך האָב אינזינען געהאַט מקיים צו זיין די מ"ע פין גמילות חסד ??

גלייכצייטיג קענט איר טרעפען אין כה"ח ושלחה"ט אַ גאַנצען נוסח צי זאָגען פאַר די סעודה וואָס איז כולל אין זיך כוונה אויף אַ גאַנצע רייע מצות וואָס קימען פאַר ביים עסען, נט"י, ברכות הנהנין, איינטינקען אין זאַלץ, רעדן דברי תורה, נטילת מים אחרונים, בענטשען, זימון, שבת איז דאָ קידוש, קידוש במקום סעודה, עונג שבת, לחם משנה, פיש עסען (מ"א רמ"ב) א. ד. ג.

ח) גלייכצייטיג וויל איך מעורר זיין געוויסע מצות וואָס מען האָט איינגעפירט אַ נוסח צי זאָגען פאַר די מצוה, און אַ ווינדער אַז עס ווערט גאָרנישט דערמאָנט וועגן כוונה פין די מצוה.

1) דעם „הריני מתעטף" פאַרען אָנטוהן דעם טלית, איז גיט מוסיף צי זיין און אַזוי שטייט אין סי' ר' קאפיל **הריני מתעטף גופי בציצית לקיים** מצות בוראי שצונו להתעטף בציצית ככתוב בתורה ועשו להם ציצית על כנפי בגדיהם לדורותם, וכן תתעטף כו' (עי' לקמן ה' ציצית, ובעמק יהושע יש נוסח אחרת קצת).

2) דאָס זעלבע דער יה"ר פאַר אתרוג בענטשען זאָל מען זאָגען אַזוי (עמק יהושע או' נ"ח), הריני מוכן ומזומן לקיים מצות בוראי ליקח הארבעה מינים האלו לולב, ואתרוג, והדס, וערבה, כמ"ש ולקחתם לכם פרי עץ הדר, כפות תמרים, וענף עץ עבות וערבי נחל, ויהר"מ כו'.

מען זאָל נישט פאַרגעסן ציפריה ווען מען שטייט אויף אינזינען צי האָבען מקיים זיין מיטן טלית קטן מצות ציצית.

ט) במילא איז וויכטיג אויך אַז ביי די תפלין און ביי סוכה כאָטש עס איז דאָ אַ אָריגינעלע נוסח צום זאָגען זאָל מען אָבער אינזינען האָבען וואָס מען זאָגט, דאָס זעלבע ביי ספירה.

י) ביי די מצות וואָס שטייט אַרויס אַ טעם אין דער תורה, דאַרף מען אינזינען האָבען דעם טעם אויך (טושו״ע סי׳ ח׳, כ״ה, תרכ״ה, וע״ש בב״ח, ופמ״ג, דפ״ק בהקדמה, ועי׳ ביכורי יעקב סי׳ תרכ״ה).

יא) ביי מצות לא תעשה דאַרף מען אויך כוונה (האריז״ל פ׳ קדושים, דפ״ק בהקדמה, חפץ חיים בענין לשה״ר דערפאַר ווען מען שערט זיך אָפּ די האָר דאַרף מען אינזינען האָבען מקיים זיין די צוויי מצות לא תקיפו, און לא תשחית (שם), דאָס זעלבע ווען מען רעדט נישט, זאָל מען אינזינען האָבען מקיים צו זיין דעם איסור שקר, לה״ר, רכילות, ליצנות (חפץ חיים, דפ״ק שם).

יב) די מקובלים שרייבען (ס׳ הגלגולים להאריז״ל, משנת חסידים גלגול הנשמות פ״א) אַז מען מיז מקיים זיין אַלע תרי״ג מצות און אַזוי ווי מען איז נישט ביכולת אַלעס צו טוהן, איז דאָ אין דפ״ק (הקדמה ג׳) אַפּאָר עצות, פאַר די מצות וואָס ער האָט נישט די מעגליכקייט איינצוהאַלטן:

1) ווען דער חבר איז דאָס מקיים זאָל ער אים העלפען פיזיש אָדער פינאַנציעל, 2) ער זאָל זאָגען ביי יעדע מצוה וואָס ער טיט אַז ער האָט אינזינען מקיים זיין „תרי״ג מצות התלוים בה״, 3) די מצות וואָס זענען גרויס ווי אַלע מצות ציזאַמען צ. ב. ש. ציצית, שבת, זאָל מען שטאַרק מדקדק זיין, 4) אָדער די ערשטע און לעצטע מצוה מקיים זיין ווי מען דאַרף.

# NEW FOR PESACH

IN ENGLISH

A Major Anthology and Work of Scholarship, HALACHA, and HASHKOFA/Perspective, Presented with Clarity and in Detail in Two Volumes, Totalling 448 Pages Dealing with Matters that Every Jew must know on Pesach:

## Mitzvah Encyclopedia

### Laws & Customs of Passover Matzah

- The general concept of eating Kosher Matzos and its meaningful observance, especially as developed in the wide range of halachic and Chasidic sources and Torah perspectives.
- An encyclopedic compilation of the Passover Laws concerning Matzah in an inspiring and informative text.
- Halachic and Chasidic customs involving baking and eating Matzos.
- The laws of Eating Matzos, from the Seder night until the end of Pesach.
- Discussion of Eating Soaked Matzah (Gebrokts).
- The Kashruth of Medicines on Pesach, as well as all year round.
- Stories of the Eternal Wisdom of our Holy TZADDIKIM/Sages in the form of interesting and Flowing Narratives, including an exposition of the Symbolism, Inspiration, and Motivation that the Mitzvah of Matzah calls forth in man.

**At all Jewish bookstores:**

**$15.90 for the set**

**If your bookstore does not have it, please contact the author,**
**RABBI S.Y. GROSS, 4711 12th Ave., B'klyn, N.Y. 11219**
**Tel: 436-8086**

**For mail order, add $1.50 for postage and handling. Check or money order must accompany order and be made payable to:**

M.B.T., Box 331, Brooklyn, N.Y. 11219